בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## כי-תבא
## י"ח אלול תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:02 |
| מוצש"ק | 7:14 |
| ר"ת | 7:54 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:44 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:27 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"א
שנה ב'

## טיב הפרשה

# והיה כי תבוא

## די כח פון שמחה של מצוה

די וואכענדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'והיה כי תבוא אל הארץ אשר ד' אלוקיך נותן לך נחלה וירשתה וישבת בה'.

עס איז באקאנט וואס חז"ל זאגן אז 'והיה' איז א לשון שמחה.

עס קען זיין אז מיט'ן זאגן 'והיה' וויל די תורה מרמז זיין פאר'ן איד אז ווען ער וויל אריינקומען אין די וועגן פון עבודה, ער וויל אויסשטייגן אן ערליכער איד, זאל ער אריינקומען אין דעם מתוך שמחה, ווייל אויב מען קומט אריין מתוך שמחה וועט די תורה ווערן א חלק פון דעם מענטש, עס וועט ווערן זיין אייגענע נחלה, זיין ירושה, ווייל ווען מען איז מקיים א מצוה מתוך שמחה ווייזט עס אז די זאך איז שייך צו דער מענטש, ער וויל עס האבן, און א זאך וואס מען וויל האבן בלייבט אויף אייביג.

דער מקיים זיין א מצוה מתוך שמחה איז אויך די כוונה פון די מצוה פון ביכורים. ביי ביכורים ברענגט דער איד די ערשטע פרוכט וואס קומט ארויס. קוים, קוים, ווען עס שפראצט ארויס די ערשטע פרוכט לויפט ער אין בית המקדש אריין און קומט עס געבן פאר'ן באשעפער, און אויך דאס איז א רמז אויף שמחה של מצוה, ווייל ווען א מענטש האט ליב א זאך לייגט ער עס נישט אפ אויף שפעטער. ביי די ערשטע געלעגענהייט וואס עס קומט אים אונטער לויפט ער מקיים זיין די מצוה, און דאס איז די רמז פון ביכורים, מען לויפט גלייך מקיים צו זיין די זאך, און וועגן דעם הייבט זיך אן די מצוה פון ביכורים מיט דער 'והיה', מרמז צו זיין אז מען האט מקיים געווען די מצוה מיט א שמחה.

אין מערערע ערטער טרעפט מען אז חז"ל האבן משבח געווען דער וואס איז מקדים און פעדערט זיך צו א מצוה. מען זעט די גרויסע מעלה ווען עס קומט צו גיין אין שול, אז די עשרה ראשונים וואס קומען אריין אין שול טראגן אן עקסטערע חשיבות אין הימל, און ווי חז"ל זאגן שוין אין ברכות [דף מ"ז ע"ב] לעולם ישכים אדם לבית הכנסת כדי שיזכה וימנה עם עשרה ראשונים, שאפילו מאה באים אחריו נותנין לו שכר כנגד כולם.

די סיבה דערצו איז ווייל דער קומען פרי אין שול געבט ארויס די אינערליכע כוונה פון דעם מענטש, אז דער מענטש איז צופרידן מיט די שול, ער וויל קומען אין איר,

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה'

א יונגער בחור וועלכער איז געווען דער קינד פון א רייכע משפחה, האט זיך געבויט א הערליכער פאלאץ, און ווען עס איז אנגעקומען דער טאג ווען דער פראכטפולער פאלאץ איז שוין געווען אויפגעבויט, האט ער געלאדנט אלע זיינע באקאנטע און פריינט צום הערליכן 'חנוכת הבית', און ווי פארשטענדליך האט ער אויך געלאדנט זיינע עלטערן און אלע זיינע קרובים. ביים הויכפונקט פונעם אוונט, האט ער געבעטן די פארזאמלטע זיך ארויסצולאזן מיט אים אויף א שפאציר ארום דעם הערליכן פאלאץ, און מיט גרויס שטאלץ האט ער זיי געוויזן – דא איז דער זאַל וואו מען נעמט אויף די געסט, דא זענען די צימערן וואו מען וואוינט, און אזוי ווייטער האט ער זיי געוויזן אלע אפטיילונגען פונעם הערליכן הויז.

אלעס איז געווען ממש הערליך שיין, וואס אזא שיינקייט איז נישט צו געפינען, און אלע אנוועזנדע זענען ממש ארויס פון התפעלות פונעם געוואלדיגן רייכקייט און פראכט. אלע, אויסער זיין טאטע, וועלכער האט געווארט און געהאפט צו הערן פון זיין זון בלויז איין ווארט 'יישר-כח', ווייל אלעס וואס דער זון האט, איז דאך נאר פון אים, ווייל פון וואו דען האט דער זון אזויפיל געלט צו בויען אזא הערליכער פאלאץ? זאל ער וועניגסטנס יעצט זאגן 'טאטע, יישר כח, אן דיר וואלט איך נישט אנגעקומען צו גארנישט', אבער דער זון האט עס נישט געזאגט.

ביי די מצוה פון ביכורים וואס ווערט גערעדט אין אונזער פרשה, איז פארהאנען גאר אן אינטערעסאנטע קשיא. ווייל לכאורה איז שווער, וואספארא חילוק איז עס, צי מען ברענגט דעם ערשטן עפל וואס איז געוואקסן, אדער דער צווייטער אדער דריטער, למעשה זענען זיי דאך אלע די זעלבע עפל וואס זענען געוואקסן אויפן זעלבן בוים און האבן אלעד עם זעלבן טעם. נאר אוודאי דארף מען זאגן אז דאס האט נישט צוטון מיטן ספעציעלן טעם פונעם ערשטן עפל, נאר מיטן ספעציעלן ווערד פונעם ערשטן עפל און פון יעדן ערשטן פרוכט, ווייל דערמיט ווייזט מען אז איך בין נישט דער בעל הבית, און נישט איך האב געמאכט אז די פירות זאלן וואקסן, נאר אלעס באלאנגט פארן אויבערשטן, און נאר ער טוט אלעס. און אזוי זאגט די הייליגע תורה: 'כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ד' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה... וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית... אֲשֶׁר ד' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ... וַיִּתֶּן לָנוּ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת... וְעַתָּה הִנֵּה הֵבֵאתִי אֶת רֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי', אזוי חזר'ן מיר עטליכע מאל איבער אז אלעס באלאנגט פארן אויבערשטן, און איך בין גארנישט!

אזוי דארפן מיר זיך אויך אנגרייטן אנצוהייבן דעם נייעם יאר הבאה עלינו לטובה, וויסנדיג אז דער אויבערשטער איז אלעס און מיר זענען גארנישט, און איידער מיר קומען בעטן אויפן עתיד, דארפן מיר דאנקען אויפן עָבַר, און אויב מיר וועלן דאנקען אזוי ווי עס דארף צו זיין האפן מיר מיטן אויבערשטנ'ס הילף אז מיר וועלן זוכה זיין צו נאך א יאר פון חסד.

(עפ"י שיחה בכולל שבתי – תשע"א)

## טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ער איז נישט דא אויף יוצא צו זיין.

ווען איינער וויל נאר יוצא זיין וועט ער קומען די שפעטסטע וואס עס איז שייך, ווייל עס איז אים א לאסט. דאגעגן ווען מען וויל די זאך קומט מען פרי.

א גוטער ביישפיל דערצו נעמט מען ארויס פון א חתונה. ביי א חתונה איז דא אלע ערליי קרובים. עס איז דא די וואס זענען נענטער צו די שמחה, און עס איז דא וואס זענען ווייטער פון די שמחה. עס איז דא די וואס פרייען זיך מיט די שמחה, און עס איז דא די וואס קומען נאר יוצא צו זיין די שמחה.

דער סימן ווי גרויס איז די שמחה ביי יעדן איינעם קען מען דערקענען זעענדיג ווען מען קומט צו די שמחה. די וואס זענען באגייסטערט און איבערראשט פון די שמחה וועלן קומען פרי און בלייבן ביז צום סוף. דאגעגן די וואס קומען נאר יוצא צו זיין וועלן קומען ווי שפעטער און אפילו אז זיי קומען פרי, וועלן זיי אוועקגיין פרי.

די גרויסקייט פון שמחה של מצוה איז אין לשער ואין לתאר. אויף ווי גרויס זי איז, קען מען ארויסנעמען פון די וואכנדיגע פרשה. די תורה הק' רעכענט אויס אין די תוכחה שרעקעדיגע צרות וואס וועט קומען אויף די אידן, איין צרה איז גרעסער פון די צווייטע, און די תורה הק' פירט אויס אז אלעס קומט זיך פאר'ן איד פאר די איינע סיבה, תחת אשר לא עבדת את ד' אלוקיך בשמחה ובטוב לבב, מרוב כל.

עס כאפט א ציטער ווען מען לייענט אזא שורה! מען שטייט פארוואונדערט פארוואס איז עס אזוי, אבער די תירוץ איז ווי געשמועסט אז די טרויעריגקייט און צוגעלייגקייט איז א תוצאה פון וואס עס טוט זיך אפ אינעווייניג אין דעם מענטש, עס ווייזט ארויס אז דער מענטש איז נישט צופרידן מיט די תורה, מיט זיך, מיט זיין אידישקייט, עס איז אים לעול ולמשא, ווי דער נביא זאגט אין נחמיה [ב, ב] מַדּוּעַ פָּנֶיךָ רָעִים וְאַתָּה אֵינְךָ חוֹלֶה, אֵין זֶה כִּי אִם רֹעַ לֵב.

אז מען רעדט פון די נושא, איז וויכטיג צו באטאנען אז היינטיגע צייטן איז דא א שטארקע געשלאגנקייט אין די נושא. די היינטיגע וועלט מאנגלט אין שמחה און בפרט אין שמחה של מצוה, און טאקע ווייל עס איז נישט דא, ליגט אויף אונז א פליכט אז מען זאל זיך שטארקן אין דעם, ווייל דאס איז דער יסוד היסודות פון א איד און איז זייער חשוב אין הימל.

בשם דער סטייפלער גאון זצ"ל זאגט מען נאך אז אמאליגע צייטן האט מען געוואוסט אז עס איז דא תרי"ג מצוות – היינט איז דא תרי"ג פראבלעמען און מען זוכט ווי אזוי זיך אן עצה צוגעבן מיט זיי.

דאס איז היינט דער מצב אז אסאך אידן שפירן די תורה אלץ א שטיקל לאסט און זוכן עס יוצא צו זיין, און דאס דארף מען אויסרייסן און זוכן ווי אזוי מען קען יא מקיים זיין די תורה און די מצוות מתוך שמחה, ווייל שמחה של מצוה און דער עצם זיך פרייען אז מען איז א איד, האט אין הימל א גרויסע חשיבות.

עס איז חשוב אין הימל און עס איז א שטארקע לייטער צו קענען עולה זיין מיט דעם און אנקומען צו הויכע דרגות אין עבודת ה'. עס איז ידוע אז דער הייליגער אר"י הק' האט מעיד געווען אויף זיך אז ער איז צוגעקומען צו אלע מדריגות נאר דורך שמחה של מצוה.

מען דערציילט אז אן אלטער און קראנקער איד איז אמאל געקומען צו איינער פון די צדיקים און אים געגעבן א קוויטל בעטנדיג אז הקב"ה זאל אים צונעמען פון די וועלט. דער איד האט געשילדערט זיין מצב זאגנדיג אז עס איז אים אזוי ביטער אז ער האלט מער נישט אויס די יסורים ער שפירט נישט קיין טעם אין זיין לעבן.

דער צדיק האט אים צוריקגעפרעגט צי ער לייגט נאך תפילין. דער איד האט געענטפערט אז יא.

"אויב אזוי, לוינט זיך דיר צו לעבן א לאנגער לעבן פון יסורי איוב פאר איינמאל לייגן תפילין".

אויפ'ן באַרדיטשעווער רב דערציילט מען אז איין טאג ביי די ברכת השחר האט ער אויסגעלאזט די ברכה 'שלא עשני גוי'. ווען מען האט אים אנגעמערקט וועגן דעם, האט ער זיי געזאגט אז ער האט נישט פארגעסן די ברכה, נאר צופרי האט ער געהאט אזא התפעלות אז מרוב התלהבות האט ער געמאכט די ברכה.

דער אמת איז אז אין די אלטע היים איז דאס געווען א קלארע זאך. א אידישע צורה האט געשטראלט, מען האט געזען די שמחה אז ער איז א איד, און דאס דארף מען צוריק באנייען.

זאל הקב"ה געבן די כוחות אז מען זאל זיך קענען באנייען אין דעם נושא און זוכה זיין צו שמחה של מצוה און צו די מדריגות וואס עס קען צוברענגען א איד.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער כח פון צדקה

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי מיינער א משפחה מיטגליד אין שטוב. עס איז געווען מיין ערשטער באזוך ביי זיי אין שטוב. זעענדיג די שטוב איז מיר באפאלן א שרעק. די דירה איז געווען איבערגעדרייט, פארלאזט, די ווענט האבן זיך געשיילט, עס האט אויסגעזען ווי א חורבה.

מיין הארץ האט נישט געקענט צוזען די סצענע, איך האב באשטעלט א בעל מלאכה און אים געגעבטן א פרייז. דער בעל מלאכה האט רחמנות געהאט אויף די שטוב און אראפגעלאזט די קאסטן, אבער עס איז נאך געבליבן א לאך וויפיל מען דארף צאלן. איך האב אריינגעשטעקט די האנט אין טאש צוזען וויפיל געלט עס איז דא דארט, עס איז געווען דארט 800 שקל.

אויפ'ן ארט האב איך עס געגעבן פאר'ן בעל מלאכה, ער האט זיך גענומען צו די ארבעט, ער האט אלעס פאררעכטן און די דירה האט באקומען א מענטשליכער אויסזען.

צוויי טעג שפעטער בין איך געווען אין די לאקאלע סופערמארקעט און איינגעקויפט אויף שבת. די ארדער איז געווען גרעסער ווי נארמאל. איך האב געענדיגט איינקויפן און זיך געשטעלט ביי די קעשיר צו באצאלן. שטייענדיג דארט זאגט מיר דער בעל הבית אז איך זאל אים געבן 800 שקל, איך דארף נישט געבן מער.

"אבער עס איז דא מער זאכן", האב איך אים פארראכטן אבער ער האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט.

"דאס דארף איך, נישט מער".

דער אייגענטומער איז געווען פאר'עקשנ'ט. זעענדיג אז איך וועל זיך נישט קענען קעגנשטעלן האב איך באצאלט די סומע און איך בין ארויס פון די גראסערי.

אין שטוב האב איך געמאכט א בערכ'דיגע חשבון וויפיל אזא ארדער קאסט, עס איז מיר אויסגעקומען אז איך האב זיך געשפארט אמווייניגסטענס 800 שקל.

איך האב געזען אין איר א סימן פון הימל אז אויב מען געבט צדקה געבט הקב"ה צוריק.

נישט אלעמאל איז מען זוכה צו זען, אבער דאס מאל האט מען עס געזען מיט א מורא'דיגע קלארקייט.

די איינע מאל איז געווען א לימוד אויף אלע אנדערע פעלער ווען מען זעט נישט.

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: ה.צ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספואלס אין פקס: 15326517922

# מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט

**"מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט"** (דער ענדע פון די ברכה פון 'השיבה שופטינו'). עס איז באוואוסט די קשיא, אז דאס איז דאך לכאורה א סתירה מיניה וביה, ווייל אויב עס איז דא צדקה, איז נישטא קיין משפט.

אויך דארף מען פארשטיין, וויאזוי קומט דא אריין דער ענין פון 'מלך', וואס דאס איז נאר פאסיג ביי 'משפט' אבער נישט ביי 'צדקה', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אָרֶץ' (משלי כט, ד)! און ביי א מלך איז נישטא קיין 'ויתור' און 'צדקה', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ש"ב יט, כט) "וּמַה יֶּשׁ לִי עוֹד צְדָקָה וְלִזְעֹק עוֹד אֶל הַמֶּלֶךְ".

נאר מיר וועלן דאס פארשטיין על פי משל, לְשַׁבֵּר אֶת הָאֹזֶן. ביי א משפט פון מענטשן, בָּשָׂר וָדָם, איז מען צוגעוואוינט, אז ביזן מעמד פונעם משפט באווייזט זיך נישט דער שופט צו די בעלי הדין, און מען קען זיך נישט טרעפן מיט אים און נישט רעדן מיט אים, און די ערשטע באגעגעניש מיט אים איז נאר אינעם געריכט הויז, אויפן באשולדיגונגס באנק! און פארקערט, דאס טרעפן זיך מיטן שופט – אדער להבדיל מיט אונזער דיין – פארן משפט, טראגט מיט זיך א חשש פון 'שוחד', וויבאלד עס זעט אויס ווי דער באשולדיגטער וויל בייגן דאס הארץ פונעם ריכטער צו זיין זייט.

און יעצט, לאמיר זיך פָאָרשטעלן, אז אין איינס פון די טעג פארן משפט, וועט דער שופט בכבודו ובעצמו קומען צום באשולדיגטן, און וועט זיך אוועקזעצן מיט אים מיט געדולד און מיט א פריינדליך געזיכט, און וועט אים אנטפלעקן אלע איינצלהייטן... און וועט זאגן צו אים: הער מיר אויס, מיין טייער פריינד, דו שטייסט אין פארנט פון א שווערער משפט, וויבאלד מיר ווייסן קלאר אז דו האסט געטון אזוי און אזוי, און דו קענסט דיך נישט ארויסדרייען דערפון! און דער אורטייל וואס מען וויל ארויסגעבן אויף דיר, איז זייער א הארבער, ה' ירחם. דעריבער הער מיר אויס, און איך וועל דיר זאגן קלאר וואס דו האסט צו טון. ערשטנס, אין די געציילטע טעג וואס זענען געבליבן ביז צום משפט, זאלסטו זייער שטארק פראבירן צו פארדעכטן אט די זאכן, כדי דו זאלסט כאטש קענען אויפווייזן ביים משפט אז דו באשעפטיגסט זיך שוין מיטן פארדעכטן דאס אומרעכט. ווייטער, אינעם טאג פונעם משפט זעלבסט, לוינט דיר צו טענה'ן אזוי און אזוי, און דו זאלסט געדענקען אז דיין מצב איז נישט פארלוירן! און אויב דו וועסט מודה זיין אינעם שולד, און דו וועסט ארויסווייזן גרייטקייט צו פארלאזן דיין זינד, און דו וועסט זיך בעטן מיט די פאלגנדע טענות דיר צו ריינוואשן, בין איך זיכער אז דו וועסט מצליח זיין ביי מיר ביים משפט!

- קיין בעסערע הצלחה דערפון ביי א משפט, קען דאך נישט זיין! טאקע דערויף, זיצן די בעסטע פארטיידיגער, און ברעכן זייער מח צו אנטפלעקן וואס עס וועט דאס מערסטע בעאיינדרוקן דעם ריכטער, און וויאזוי מען קען טוישן אביסל דאס בילד אין זיינע אויגן... און דא הט דאך דער שופט אליין אנטפלעקט פאר דיר וואס איז דאס וואס ער האט ליב צו הערן, און ער קען דאך די זאך בעסער ווי יעדן איינעם, און ער ווייסט פונקטליך וועלכע טענות און געבעטן וועלן קלאפן אויפן ריכטיגן ארט, כדי ארויסצוגיין גערעכט ביים משפט!

אט דאס איז די עצה וואס אידישע קינדער נעמען, און בעטן פון השי"ת, אז ער זאל זיך פירן מיט אונז "בחסד וברחמים בצדק ובמשפט" – ווייל ער איז דאך "מלך אוהב צדקה ומשפט", און ער האט ליב די צדקה וואס איז אינעם משפט, נישט קיין צדקה פון מוותר זיין, ווייל דאס קומט נישט פארן קעניג. – נאר אז ער זאל אביסל אנטפלעקן דעם מלכות פונעם משפט נאך איידער דער יום הדין. איבערהויפט אין די הייליגע טעג פון אלו"ל, בעטן מיר אז ער זאל טון מיט אונז "צדקה", דערמיט וואס ער וועט אנטפלעקן אין אונזער הארץ אביסל פונעם סדר פון דער מלכות ביים משפט, נאך איידער עס קומען די טעג וואס עס ווערט אנטפלעקן דעם מלכות, כדי אונז צו לערנען און מעורר זיין איבער וואס פונקטליך מיר זאלן תשובה טון, און וויאזוי מיר זאלן טענה'ן און מתפלל ביים סדר פון אונזערע תפילות און סליחות.

דאס אנטפלעקן פארן באשולדיגטן, איבער דער סדר פונעם מלכות ביים משפט, כדי ער זאל זיך גרייטן דערצו אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאס איז די גרויסע צדקה פונעם מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט. [שפת הים].

->•<-

אין א שווערע און בייזוויליגע גערעכט-הויז אין א ווייטע לאנד, איז ארויסגעגעבן געווארן א שרעקליכער אורטייל, מיט צענדליגער יארן צוריק. נישט ווייניגער ווי 'טויט שטראף' אויפן באשולדיגטן! לויטן געזעץ פון יענער צייטן, האט אזא אורטייל געמוזט באקומען אן אונטערשריפט פונעם קייסער, כדי די לעבן פון א מענטש זאל נישט זיין הפקר אין די הענט פון קליינע ריכטער.

א גרופע פאליציאנטן זענען געקומען ספעציעל פונעם קעניגליכן פאלאץ, כדי צו פירן דעם באשולדיגטן, געבינדן אין קייטן, און אים שטעלן פארן קעניג צום משפט איבער זיין לעבן.

און ווי נאר דער מענטש איז אנגעקומען צום קעניגליכן פאלאץ – צום ערשטן מאל אין זיין לעבן – איז געפאלן אויף אים א שרעקליכער פחד, זעענדיג דעם גאנצן כבוד און פראכט און מורא המלכות וואס הערשט אויף יעדן! און ווי נארמען האט אים אריינגענומען אינעווייניג צום הערליכן זאַל, און מען האט אים אוועקגעשטעלט אין פארנט פונעם פראכטפולן שטול פונעם גרויסן און געערטן קעניג, און עס האט זיך באוויזן פאר זיינע אויגן דעם באוואפנטן מיליטער פון די קאזאקן וועלכע היטן אויפן קעניג מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן! – איז געפאלן אויף אים א מורא'דיגער שרעק, און פון גרויס פחד איז ער געווארן שטום ביזן סוף פון זיין לעבן!!!

ווען די דאזיגע מעשה איז באקאנט געווארן און איז באשריבן געווארן אין די צייטונגען איבער די גאנצע וועלט, איז די שמועה אויך אנגעקומען צום גרויסן גאון וצדיק דער משגיח רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל, האבן גלייך געגומען פליסן טרערן פון זיינע הייליגע אויגן, זאגנדיג: מיר קומען דאך אינעם גרויסן טאג פון ראש השנה, פארן גרויסן קעניג פון די גאנצע וועלט, הַיּוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא! און עס געשעט גארנישט מיט אונז....!

און פון דעמאלטס פלעגט ער דאס אפט דערציילן אין זיינע שמועסן, ערקלערנדיג אז ווי עס זעט אויס זענען מיר נאך אלץ זייער ווייט פון יראת שמים, וויבאלד מיר רעדן דאך יעדן טאג מיטן קעניג אליין, מיטן לשון נוכח: "ברוך אתה וכו'"...

->•<-

עס האט מיר דערציילט סיפר לי מו"ר הגה"צ רבי נטע פריינד זצ"ל, א מעשה נורא פונעם הייליגן חפץ חיים זצוק"ל (וועמענס יארצייט עס געפאלט דעם קומענדיגן ערב שבת הבא עלינו לטובה – כ"ד אלו"ל).

א איד וועלכער איז געווען ארומגערינגלט מיט שרעקליכע יסורים פון קאפ ביז פיס, רחמנא ליצלן, איז געפארן קיין ראדין, און מיט גרויס צובראכנקייט האט ער דערציילט איבער זיינע שרעקליכע צרות און יסורים.

דער הייליגער חפץ חיים האט אים אויסגעהערט מיט גרויס ערנסטקייט, און האט געקרעכצט און מיטגעפילט מיטן ווייטאג פונעם איד, און דערנאך איז ער געזעצן אין שוויגעניש פאר א שטיק צייט, ארומגענומען מיט מחשבות. דערנאך האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיין דביקות, און זיך אנגערופן צום פארביטערטן איד ווי פאלגנד:

הער זיך גוט צו, צו דאס וואס איך וועל דיר זאגן: צום הייליגן בעל שם טוב זצוק"ל איז אמאל געקומען א מענטש, וועמענס צרות האבן נישט אויפגעהערט אים נאכצויאגן זיין גאנצן לעבן, און וואס ער האט נאר געטון צו ווערן געראטעוועט פון זיי, האט אים נישט געהאלפן.

האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט צו אים: גיי צו די עלטערע אידן פון דיין שטאט, און פרעג זיי צי זיי געדענקען א קצב מיטן נאמען אזוי און אזוי, וועלכער האט שטענדיג געשטרויכלט אידן מיט נבילות און טריפות, השם ישמרנו ויצילנו! – וויסן זאלסטו, אז דאס ביסטו אליין! דו ביסט דער קצב, וואס מען האט אראפגענידערט דיין נשמה צו דעם גוף אין וועלכער דו געפינסט זיך היינט, מיטן באוואוסטן סוד הגלגולים, אזוי ווי דער הייליגער אר"י ז"ל האט מגלה געווען. און עס איז נגזר געווארן אויף דיר א לעבן פול מיט יסורים און צרות, כדי צו מתקן זיין דיין נשמה וועלכע איז פעלערהאפטיג און פארפלעקט מיטן שרעקליכן זינד פון חוטא ומחטיא את הרבים רח"ל! – דעריבער דארפסטו דיך פרייען מיט דיין טייל, אז מען האט דיר מזכה געווען פון הימל מיט שווערע יסורים וואס מאכן זיס די דינים (ברכות ה. מלח ממתקת כו'), כדי דיר צו צוברענגען צום תיקון פון דיין זעל!

- אזוי זאג איך דיר אויך, האט דער הייליגער חפץ חיים אויסגעפירט זיינע הייליגע ווערטער, אז אט די שרעקליכע יסורים וואס דו גייסט דא אריבער, זענען נישט געקומען בלויז כדי דו זאלסט מפשפש זיין במעשיך וואס דו האסט געטון אינעם יעצטיגן גלגול (ברכות ה. יפשפש כו'), נאר זיי זענען בעיקרם ובשרשם געקומען – אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט מגלה געווען – וועגן די עבירות וואס דו האסט געזינדיגט אין דיין פריערדיגן גלגול, דעריבער זאלסטו זיך אויך פרייען מיט דיין חלק, אז דו האסט זוכה געווען צו א גוטע כפרה פון הימל!

און רבי נטע האט צוגעגעבן ווי פאלגנד:

איך האב גוט געוואוסט, אז מענטשן וועלן פראבירן אפצולייקענען די מעשה! און זיי וועלן טענה'ן אז מען פראבירט פארציילן א 'בעל שם'סקע מעשה' אויפן חפץ חיים. אבער ווען איך האב אויסגעפינען אז דער בעל המעשה לעבט נאך, און ער וואוינט אין ארץ הקודש אין א באוואוסטער מושב-זקנים, האב איך זיך מטריח געווען און איך בין דארט אריבערגעפארן, כדי קלאר צו הערן פון אים אלע איינצלהייטן פון די מעשה. און דער איד האט נאך צוגעגעבן נאך איינצלהייטן פון זיין שווערע לעבן, און פון דאס וואס ער האט אליין געזען מיט די אויגן אינעם הייליגן הויז פונעם איש האלקים דער חפץ חיים זצוק"ל.

זכות הצדיקים יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

->•<-

עס ווערט דערציילט אויף הרה"ק רבי משה לייב סאסוב'ער זי"ע, וועלכער האט זייער אסאך עוסק געווען אין די הייליגע מצוה פון 'פדיון שבויים', אזוי ווי עס איז באוואוסט אז עטליכע צדיקים האבן עוסק געווען דערין, און דערמיט האבן זיי אינזינען געהאט אז עס זאל שוין זיין דער אויסלייזונג פון די הייליגע שכינה, באתערותא דלעילא, דורך אונזער אתערותא דלתתא. און אט איז ער געוואויר געווארן איבער א איד וועלכער איז

המשך אין עמוד ד' <

אריינגעווארפן געווארן אין תפיסה דורכן פריץ, דערפאר וואס ער האט נישט באצאלט זיין חוב. רבי משה לייב האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אין וועג, און נאכן זיך שטארק באמיען און בעטן ביישטייערונגען פון גוטע אידן, איז אים נאר געלונגען צו שאפן דאס רוב פונעם געפאדערטן סומע... – דער שלעכטער פריץ פון זיין זייט, האט אבער נישט געוואלט אראפלאזן פונעם סומע, אפילו מיט איין איינציגן פרוטה!

רבי משה לייב איז זייער ענטוישט געווארן, און איז צוריק ארויס אין וועג מיט גרויס צובראכנקייט. און דא האט ער באגעגנט א גרופע שטרענגע פאליציאנטן, וועלכע שלעפן א איד און שלאגן אים מיט גרויס ברוטאלישקייט, שלעפנדיג אים צום ארטיגן פאליציי סטאנציע. גלייך איז דער רבי זיי נאכגעלאפן ביז מען איז אנגעקומען צום ארט. דער צדיק האט גלייך געבעטן אן ערקלערונג, פארוואס מען שלאגט אזוי שטארק דעם איד?

האט אים דער קאמאנדיר געענטפערט, אז דאס איז א לאנגיעריגער 'גנב', וועלכער איז דא אן אפטער גאסט, אבער יעצט האט ער גע'גנב'עט א גרויסע סומע געלט פון א גרויסן שר וועלכער איז יעצט אריבערגעפארן דורכן געגנט, און יעצט וועט קומען א סוף צו די גניבות! וויבאלד ער וועט ווערן פאראורטיילט צום טויט דורך הענגען!

האט זיך דער רבי גענומען בעטן בתחנונים: איך וועל דיר זייער שיין באצאלן, און איך בין אפילו גרייט צו געבן א פערזענליכע 'עֲרבות' אז ער וועט נישט אנגיין מיט זיינע גניבות. מעגליך וועסטו אים לאזן ארויסגיין פריי!

נאכן גוט איבערטראכטן דער זאך, האט דער קאמאנדיר באשלאסן, וועגן דער כבוד פונעם צדיק, וועלכער איז געווען חשוב אפילו ביי די גוים, אז מען וועט לאזן דעם גנב גיין פריי, און אים געבן א לעצטן שאנס!

גלייך האט דער רבי אויסגעציילט אין זיינע הענט דאס גאנצע געלט וואס מען האט געדארפט באצאלן, און האט גלייך אויסגעלייזט דעם איד וואס איז געכאפט געווארן ביי זיין גניבה.

צוליב די פילע קלעפ וואס דער גנב האט געכאפט, איז ער נישט געווען אימשטאנד צו גיין צופיס, און דער רבי האט געמוזט דינגען א בעל-עגלה, וועלכער האט אים געפירט ביז צו זיין הויז.

אזוי גייענדיג אין וועג, האט דער רבי פראבירט איבערעדן דעם גנב, אז דאסמאל האט מען אים טאקע געהאלפן פון הימל אז ער זאל געראטעוועט ווערן פון די גוים, אבער מען טאר זיך נישט פארלאזן אויף א נס, און נישט אלעמאל וועט ער זיך קענען ראטעווען פון זיי! דעריבער וואלט פאסיג געווען אז ער זאל שוין אפלאזן זיין קרומע וועג, און זיך אויסזוכן א פרנסה ביושר!

- דער איד האט אויסגעהערט און האט געשוויגן.

אבער ווען זיי זענען אנגעקומען צום ציל, האט דער רבי נאכאמאל געבעטן פון אים אז ער זאל אים געבן א צוזאג, א 'תקיעת כף' אז ער וועט מער נישט עוסק זיין אין גניבה. – אבער צום גרויסן וואונדער פונעם רבי'ן, האט דער גנב נישט מסכים געווען דערצו, טענה'נדיג אז ער מוז אנגיין דערמיט... וויבאלד אינעם פעלד פון גניבה האט ער שוין א שטארקער 'ערפארונג'... ער האט




אויך צוגעלייגט, אז ער דארף זיך נישט שרעקן פונעם היינטיגן דורכפאל, ווייל, ווער זאגט אז דאס וועט אויך געשען מארגן? אזוי גייט עס מיט דעם סארט 'ארבעט', האט ער געגעבן צו פארשטיין מיט עקשנות: מען גנב'עט, מ'ווערט געכאפט, מ'זיצט, מ'גייט ארויס, און אזוי ווייטער... עס איז נישטא וואס צו טון, אזוי איז די ארבעט....!

רבי משה לייב איז צוריק אהיימגעפארן מיט גרויס צער און צובראכנקייט, טראכטנדיג אז דעם ערשטן איד האט ער נישט מצליח געווען אויסצולייזן און ער זיצט נאך נעבעך אין תפיסה, און דעם צווייטן איז אים אויך נישט געלונגען צו מחזיק בתשובה זיין און אים אפרעדן פון צו גזל'ן... פארוואס מוטשעט ער זיך אזויפיל טעג? איז אים דען עפעס געלונגען? אזוי האט זיין גייסט געשטורעמט אין אים, ווען פון זיינע אויגן רינען טרערן אן אויפהער, ביז ער איז איינגעשלאפן אין גרויס צובראכנקייט, טראכטנדיג איבער זיין גרויסן דורכפאל אינעם היינטיגן טאג, ווייל אויב איז נישטא קיין הצלחה אונטן, האט ער אוודאי אויך נישט גע'פועל'ט דאס וואס מען דארף פועל'ן אויבן!

ביינאכט אין זיין חלום, אינמיטן זיין הייליגע שלאף, האט דער צדיק געזען דעם גאנצן בילד פארקערט, און אלעס איז געווארן זייער קלאר און ליכטיג! – מן השמים האט מען אנטפלעקט פארן צדיק דורכן שר החלומות ווי אלעס איז זייער געשמאק און פארשטענדליך [עיין מהרש"א חידושי אגדות (ברכות נה: ד"ה אימא יטיבנו וכו') ג' סוגי חלומות: א) מלמטה – מתוך הרהורי לבו שביום. ב) מלמעלה – ממערכות השמים והמזלות. ג) מהשי"ת בעצמו – על ידי מלאך 'שלום' הממונה על החלום עי"ש. והצדיקים שליבם זך ונקי זוכים למדרגה הג' הנעלה].

און אזוי האט אים דער מלאך ערקלערט: וויסן זאלסטו, משה לייב, אז אלעס וואס איז געשען מיט דיר אין אט דעם 'שווארצן' טאג, איז אויסגערעכנט פאר דיין טובה מיט א קלארע השגחה, ביז צום קלענסטן איינצלהייט!

מפי עליון איז ארויסגעגאנגען די גזירה, און פון אים קומט נישט ארויס קיין שלעכטס, נאר אלעס איז פאר דיין טובה און פאר די טובה פון דיין זעל, און דעריבער האט דער אויבערשטער געמאכט אז דו זאלסט געשטרויכלט ווערן וואו דו גייסט, דעם ערשטן זאלסטו נישט אויסלייזן, אונד עם צווייטן זאלסטו נישט קענען מחזיר בתשובה זיין! און דאס אלעס איז, כדי דיר צו לערנען דעם לימוד וואס איז געשיקט געווארן צו דיר דורך אט דעם גנב וואס דו האסט געראטעוועט, ווייל אזוי גייט דער סדר פון די עבודה – מ'ווערט געשטרויכלט, מ'פאלט, מ'ווערט געכאפט, מ'ווערט באשטראפט... און מ'הייבט אלעס אן פונדאסניי! מען טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין! אפילו אויב עס איז דיר נישט געלונגען און דו ביסט געפאלן, און עס איז דיר נישט געלונגען גארנישט, גיי נישט צוריק! הייב זיך אויף און הייב אן נאכאמאל, ווייל שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם! (משלי כד, טז). האלט שטענדיג פאר די אויגן דעם מוסטער פונעם שלימזל'דיגן גנב, וועלכער געבט קיינמאל נישט אויף, נאר גנב'עט-ארעסטירט-זיצט-גנב'עט, און אזוי ווייטער...

אויפצומארגנס איז רבי משה לייב אויפגעשטאנען מיט א געוואלדיגע שמחה, און זיין הארץ איז איבערגעדרייט געווארן כְּאִישׁ אַחֵר! – ער האט זיך געשטארקט ווי א לייב לעבודת בוראו, און צו מאכן קיין חשבון פון די רעזולטאטן...! ער האט נאר געמאכט דעם חשבון וויאזוי צו טון וואס נאר מעגליך, מיט רצון און שמחה, צו מאכן נחת רוח פארן אויבערשטן, 'רֵיחַ נִיחוֹחַ אִשֶּׁה לַה' – שֶׁאָמַרְתִּי וְנַעֲשָׂה רְצוֹנִי', און געדענקט אז דאס וועט ארויסקומען דערפון, וועט שוין דער אויבערשטער באשטימען דאס וואס ער וועט האלטן פאר ריכטיג!

אט דאס איז א גאר הויכע מדריגה פון דביקות באלקים חיים! און מיר הייבן אויף אונזערע אויגן צום הימל, אז דער אויבערשטער זאל לייגן אין אונזערע הערצער אַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ הַטְּהוֹרָה, וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ וּלְעָבְדוֹ בְּלֵבָב שָׁלֵם! אָמֵן.


◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173